**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/8/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## שטייענדיג אין נאציאנאלע קליענט באשיצונג וואך, אנאנסירט גאווערנער האקול 182 מיליאן דאלאר צוריקגעברענגט פאר קליענטן און העלט קעיר פראָווײדערס אין 2023

***ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס האט צוריק פארשאפט מער פון 158 מיליאן דאלאר פאר קליענטן און העלט קעיר פראָוויידערס און אזוי אויך 23 מיליאן דאלאר אין פארגוטינונג דורך אינפארסירונג שריט***

***פאלגט נאך גאווערנער'ס אנאנס פון כמעט 9.7 מיליאן דאלאר צוריקגעגעבן פאר קליענטן דורכאויס 2023 דורך דעפארטמענט פון פובליק סערוויס און דורך סטעיט דעפארטמענט'ס דיוויזיע פון קליענט באשיצונג***

***בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס פיסקאלע יאר 2025 בודזשעט פארשלאגן צו באשיצן קליענטן און פארמערן אפארדעביליטי פאר ניו יארקער***

***ניו יארקער קענען באקומען אומזיסטע הילף דורך די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services, DFS) האט צוריק פארשאפט מער פון 182 מיליאן דאלאר אין צוריקגעצאלטע געלטער און פארגוטיגונגען פאר קליענטן און העלט קעיר פראָוויידערס אין 2023. לעצטע יאר האט די DFS צוריק פארשאפט מער פון 158 מיליאן דאלאר פאר קליענטן און העלט קעיר פראָוויידערס וועלכע האבן אריינגעגעבן קאמפלעינטס צו די דעפארטמענט, און אזוי אויך 23 מיליאן דאלאר אין פארגוטינונג דורך DFS אינפארסירונג און אויפזיכט שריט, אין צוגאב צו אנדערע קנסות. די אנאנס בויט ארויף אויף דיבאמיאונגען פון די דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service) און פון די סטעיט דעפארטמענט'ס דיוויזיע פון קליענט באשיצונג (Division of Consumer Protection), וואס האט אנאנסירט פריער דעם חודש אז זיי האבן צוריק פארשאפט כמעט 9.7 מיליאן דאלאר פאר קליענטן אין 2023, און עס ערגענצט די גאווערנער'ס קליענט באשיצונג און אפארדעביליטי אגענדע, וואס רעכנט אריין פארשלאגן אין איר עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו האלטן געלט אין ניו יארקער'ס קעשענעס.

"ניו יארק סטעיט פירט אויס איר צוזאג צו באשיצן קליענטן, זיך שטרענגערהייט נעמנדיג צו אומיושר'דיגע ביזנעס טאקטיקן און צוריק אריינלייגנדיג געלט אין די קעשענעס פון ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכאויס קליענט באשיצונג וואך, פארשטערקערט מיין אדמיניסטראציע אונזער פארפליכטונג דורכן העלפן ניו יארקער היטן אויף זייער שווער-פארדינטע געלט, האלטן אומארנטליכע ביזנעסער פאראנטווארטליך און טוהן אלעס אין אונזער כוח צו רעדוצירן קאסטן."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס סופּעראינטענדענט, עידריען העריס, האט געזאגט,** "די DFS איז אנטשלאסן צו פארזעצן צוריקצולייגן געלט אין די קעשענעס פון ניו יארקער, און איך בין גאר שטאלץ מיט די $182,387,247 וואס די DFS האט צוריק פארשאפט דעם פארגאנגענעם יאר. צו אנערקענען נאציאנאלע קליענט באשיצונג וואך, האפן מיר צו דערמאנען ניו יארקער אז די DFS איז דא צו העלפן מיט קאמפלעינטס און שאפן א מער שטאנדהאפטיגע פינאנציעלע סיסטעם."

די DFS'ס קליענט הילף איינהייט (Consumer Assistance Unit) ערהאלט און העלפט לייזן קאמפלעינטס פון קליענטן, און זיי ארבעטן מיט די אינדוסטריע און מיט די דעפּארטמענט'ס אינפארסירונג מאנשאפט צו אויספארשן און העלפן פאררעכטן איבערחזר'נדע אביוז און שווינדל. פריער דאס יאר האט די DFS [אנאנסירט](#) אז זינט עס איז געעפנט געווארן אין 1997 האט די דעפּארטמענט'ס 'האלאקאוסט קלעימס פראצעסירונג אפיס' (Holocaust Claims Processing Office), וואס העלפט ארויס מלחמה געליטענע און זייערע יורשים צו צוריק באקומען געגנב'טע פארמעגנס, האט געהאלפן פארזיכערן און איבערגעבן איבער 183 מיליאן דאלאר אין פארגוטיגונג פאר געליטענע און זייערע יורשים פון בענק, אינשורענס און אנדערע פארלוירענע פארמעגנס. אין צוגאב, האט די דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס דורך די איניציאטיוו ערמעגליכט סעטלמענטס פארמישנדיג איבער 250 קולטורישע חפצים.

פריער דעם חודש האט די גאווערנער [אנאנסירט](#) אז ניו יארק סטעיט האט צוריקגעגעבן 9.7 מיליאן דאלאר פאר קליענטן אין 2023, אריינרעכענענדיג אומגעפער 7 מיליאן דאלאר אלס רעזולטאט פון קרוב צו 25,000 אויספארשונגען דורך די דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס און 2.7 מיליאן דאלאר דורך די סטעיט דעפּארטמענט'ס דיוויזיע פון קליענט באשיצונג.

ניו יארקער קענען טרעפן הילפס-מיטלען אויף א צאל נושאים אריינרעכענענדיג קאטאסטראפע ערהוילונג; שווינדל און סייבער באשיצונג; און סטודענט הלוואות. פאר הילף איבער געפעכטן מיט בענק, אינשורענס פירמעס און אנדערע פינאנציעלע סערוויס פראָוויידערס, באזוכט [www.dfs.ny.gov/complaint](www.dfs.ny.gov/complaint) אדער רופט 342-3736 (800).

__גאווערנער'ס קליענט באשיצונג און אפארדעביליטי אגענדע__

גאווערנער האקול האט אויפגעדעקט א ברייטע קליענט באשיצונג און אפארדעביליטי אגענדע אלס טייל פון איר עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 זיך צו שטרענג נעמען צו אפנארנדע ביזנעס טאקטיקן און העלפן האלטן געלט אין די קעשענעס פון ניו יארקער. די גאווערנער'ס בודזשעט רעכנט אריין פארשלאגן צו מאכן אמענדמענטס צו ניו יארק'ס קליענטן באשיצונג געזעצן צו פארשטערקערן שוץ מאסנאמען פאר קליענטן קעגן אומיושר'דיגע ביזנעס טאקטיקן; אוועקשטעלן לאנד'ס-פירנדע רעגולאציעס פאר די "קויף יעצט באצאל שפעטער" הלוואה אינדוסטריע; פאראויס רוקן די ערשטע גרויסארטיגע העכערונג אין באצאלטע מעדיצינישע אורלויב בענעפיטן אין מער פון דרייסיג יאר; איינפירן די לאנד'ס מערסט ארומנעמיגע פארשלאג צו עלימינירן קאָו-פעיס פאר אינסולין אויף געוויסע אינשורענס פלענער; און באקעמפן מעדיצינישע חובות.

די גאווערנער האט אויך אונטערגעשריבן א ביל לעצטע יאר צו באשיצן ניו יארקער פון איבערגעטריבענע פרייזן און מעדיצינישע חובות, און אין 2022, האט די גאווערנער אויך אונטערגעשריבן א ביל צו פארבאטן באהאלטענע צוצאלונגען פאר קליענטן וואס קויפן טיקעטס צו לעבעדיגע געשעענישן, צו פארברייטערן שטראפן פארן נוצן 'סקאלפּער באָטס' און טיקעט איינקויף סאָפטוועיר, צו מאכן אומגעזעצליך צו פארקויפן אומזיסטע טיקעטס און פארבאטן דעליווערי אפצאל אויף טיקעטס וועלכע ווערן איבערגעגעבן עלעקטראניש אדער ארויסגעדרוקט אינדערהיים.

**סטעיט סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** "דורכאויס נאציאנאלע קליענט באשיצונג וואך, בין איך שטאלץ מיט די ארבעט וואס מיר טוען צו זיכער מאכן אז ניו יארקע קליענטן בלייבן באשיצט און געשטיצט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און פאר די דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס מאנשאפט פארן צוריקגעבן א רעקארד-ברעכנדע 182 מיליאן דאלאר דירעקט צוריק אריין אין קעשענעס. די צוגאבליכע פארגוטיגונג און צוריקגעצאלטע געלטער וועלן גיבן א נויטיגע שטופ ארויף פאר ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָזיק האט געזאגט,** "נאציאנאלע קליענט באשיצונג וואך איז א צייט פאר קליענטן צו זיין אינפארמירט און באפולמעכטיגט. דורכן ציהען אויפמערקזאמקייט צו- און ארויסהייבן די באדערפענישן פון קליענטן, טוהען מיר באפולמעכטיגן מענטשן צו מאכן קלוגע באשלוסן און זיך אויפשטעלן פאר זייערע רעכטן. צוזאמען מיט גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע, בין איך פארפליכטעט צו באשיצן ניו יארקער, אפפערן וויכטיגע מיטלען און שטיצע און צושטעלן די שטערקסטע קליענט באשיצונגען די וואך און יעדע וואך."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן